# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת עקב

## זיך טרעפן מיט'ן טאט'ן

אמאל איז געווען א רייכע קעניג וואס האט געהאט אן איינציגע זון. פארשטייט זיך, ער האט זייער ליב געהאט זיין זון, און האט געוואלט ער זאל האבן פון אלעם גוטן און זיין זייער צופרידן. דער קעניג האט געגעבן די פרינץ אסאך געלט.

אנהייב יאר פלעגט די פרינץ גיין צו זיין טאטע פאר א שבת. נאך שבת פאר ער איז אהיים געפארן האט ער באקומען זעקלעך פון געלט פון זיין טאטע, ער זאל האבן גענוג און נאך צו איינקויפן וואס ער וויל פאר די גאנצע יאר. די קעניג האט זיך געפרייט אז פאר די פרינץ וועט יעצט גארנישט פעלן. ער איז געווען גערעכט, די געלט איז טאקע געווען מער ווי גענוג. ווען די פרינץ האט עפעס געוואלט אדער געדארפט האט ער פשוט ארויסגענומען געלט פון די זעקל.

וואס מיינסטו איז געשען? די פרינץ איז קיינמאל געקומען באזוכן זיין טאטע דורך די יאר. ער האט אייביג געהאט א תירוץ אז ער איז פארנומען.

אבער איין מאל אין יאר איז ער אודאי יא געקומען,ביים אנהויב פון די יאר די ערשטע שבת, ווען די געלט האט זיך אויסגעלאזט איז ער געקומן אפנעמען די געלט. ער האט מן הסתם אויך גערופן זיין טאטע יענע וואך א פאר מאל צו הערן וואס זיין טאטע מאכט.

אבער דאס איז געווען נאר איין מאל אין יאר. איין מאל איז ער געקומען נעמען געלט. אבער דורכאויס די יאר האט די קעניג זיך געבענקט נאך זיין זון! ער האט אים געוואלט זעהן, שמועסן און שיין פארברענגען. האט די קעניג געטראכט פון א גוטע פלאן. ער וועט געבן זיי זון די זעלבע געלט, אבער נישט איין מאל א יאר. ער וועט עס צוטיילן אין קליינע זעקלעך און אים געבן אביסל יעדן טאג.

וואס מיינסטו איז יעצט געשען? די פרינץ האט געמאכט צייט יעדן צופרי צו באזוכן זיין טאטע און אפנעמען די געלט!

אין פרשת עקב לערענט מען אז משה רבינו האט געדאווענט צום אויבערשטער. עס איז נישט געווען א פשוט'ע דאווענען. ער האט געדאווענט פאר 40 טעג און 40 נעכט. עס איז שווער פאר אונז זיך צו פארשטעלן אזא דאווענען!

פארוואס האט משה רבינו געדאווענט **אזוי פיל**? ממילא אביסל יעדן טאג. אבער אזוי פיל צו דאווענען?

ווייל משה רבינו האט גוט פארשטאנען די נמשל פון די פריעדיגע מעשה. ער האט פארשטאנען אז דער באשעפער האט אונז אזוי ליב, ער וויל אונז געבן און געבן! אבער דער אויבערשטער וויל הערן פון אונז! ער וויל אז מיר זאלן ווערן נאנט מיט אים. דאס איז אסאך בעסער פאר אונז, צו זיין נאנט מיט דער באשעפער איז אסאך בעסער פאר אוונז ווי האבן אלעס אויף דער וועלט!

אויב דער אויבערשטער וואלט אונז געגעבן אלעס אלעמאל, וואלטן מיר געווען אזוי ווי די פרינץ אין די מעשה, וואס האט אנגעפאנגען צו פארגעסן אז די געלט איז פון זיין טאטע. ווען מען דארף נישט צוקומען צו איינער איז עס גרינג צו פארגעסן פון אים. דער אויבערשטער פירט די וועלט אויף אזא וועג אז מיר דארפן אייביג האבן עפעס פון אים. דיין ציין טוט דיר וויי, אדער דיין בייק איז צובראכן, אדער עפעס איז פארלוירן. אייביג דארפן מיר עפעס פון דעם באשעפער. און דער באשעפער זאגט אונז מיר זאלן כסדר קומען צו אים! דריי מאל א טאג, און אויך ווען מען וויל. מיר קענען אפילו רעדן צו הקב"ה אין וועלכע שפראך מען וויל, בעטן פאר אלעס וואס מען דארף.

"באשעפער, העלף מיר האבן א הצלחה'דיגע יאר אין חדר/שולע" -- "באשעפער, העלף מיר מסדר זיין מיין צימער" -- "הייליגע באשעפער, מיין האלדז טוט מיר וויי. הייל עס אויס!" -- "אויבערשטער, העלף אז איך זאל זיך גוט אויסקומען מיט מיין חברים" -- "הייליגע באשעפער, העלף מיר האבן כוונה ביים דאווענען." - בעט דעם אויבערשטער פאר אלעס!

דער גרויסע באשעפער איז דיין טאטע וואס האט דיר אזוי ליב, ער וויל זיכער מאכן אז דו גייסט צוריקקומען צו אים. און ווען דו רעדסט צו דיין טאטע אין הימל אזוי, טוסטו אויף זייער א גרויסע זאך אויף די וועלט! דו גייסט אין די פיסטריט פון משה רבינו, וואס ער האט פארשטאנען אז די בעסטע זאך אויף דער וועלט איז צו מאכן דער באשעפער דיין בעסטע פריינד!!!

גוט שבת!



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860